# אויף דיין דור האַט אין בענקשאַפט אַזוי אַפּגעלעבט

(צום ערשטן יאָרצייט
פון פנחס נאָלדהאָר).

ס'איז ווידער שוין זומער אין שיינעם לאַנד,
דער פויגל זינגט, די זון איז בלענדיק,
און אויף די ציגל פון מיין שכנס וואַנט —
זיינטער אַזוי ווי שטענדיק.

אַ פרעמדער נאָך אַלץ אויף מיין אייגענער שוועל,
איך זע ווי מיין שכן קערט אָפּ זיין פנים
און איך אַ פאַרנאַרטער פרווו און פאַרשטעל
מיין פרעמדקייט, וואָס כ'ווייס נישט ווי איך זאָל
פאַרטאָן עס.

כ'ווייס נישט אוו — כ'פאַרטו עס דאָך פאָרט,
ווי ס'טוט עס אַ יעדער — דער צי אַ צווייטער:
כ'בויג זיך אַראָפּ צו אַ טרויעריק וואָרט,
פאַרבלייב שוין אַזוי און לעב אָן ווייטער.

וואָס ווייטער מיינט ? ס'מיינט גאָרנישט מיט גאָר,
אַ סימן — אָט טו איך שוין ווידער קומען
צום גראָז אַרום דיר, וואָס איז אַלט שוין אַ יאָר,
צום שטיין איבער דיר צו דערמאָנען דיין נאָמען.



אויך דיין נאָמען פאַרצאָנקט שוין אַזוי ווי אַ קניט,
נאָר נישטאָ אויך אויף דעם וואָס פאַראיבל צו האָבן,
נאָך אָן איינזאַם לעבן, בלייבט איינזאַם דער טויט,
דערצו ווען מען איז אַזוי פרעמד באַגראָבן.

איך שטיי איבער דיר — אין מיין האַנט אַ גראָז,
ער איז האַרט און שטעכיק, כאָטש נעם און צעטרעט אים,
נאָר מסתמא ווייס ער, דער גראָז, פאַרוואָס
ער דאַרף פון מיין האַנט זיך נישט לאָזן גלעטן.

פרעמד איז דאָס לאַנד מיר, אור-אַלט פרעמד,
אָט, אַ פשוטער גראָז און איז גרייט צו פאַרשעמען,
נאָר כ'בין נישט פאַרדראָסיק, בלייב נישט פאַרשעמט,
כאָטש שווער איז מיר אַלץ נאָך דאָס קלאָר צו באַנעמען.

פאַרגיב-זשע דערפאַר מיין געבראָכנקייט היינט,
כ'האָב נישט געמיינט איצט אַזוי-אַ צו קומען,
נאָר כ'געדענק ווי אויך דו האָסט אַמאָל זיך צעוויינט
און ס'האָט נישט דאָן קיינער ס'געוויין דיינס פאַרנומען.



איצט וויינסטו נישט מער. היימיש ביז גאָר
איז די ערד דיר פון לאַנג שוין מסתמא געוואָרן,
דאָס גראָז אַרום דיר איז אַלט שוין אַ יאָר,
אַ שטיין איבער דיר — לשם הזכרון.

און דאָס וואָס דו האָסט דיינע טעג אָפּגעשטרעבט
נאָך פרייד, וואָס מען האָט דיר פאַרגעסן צו שענקען?
— אויך דיין דור האָט אין בענקשאַפט אַזוי אָפּגעלעבט
און דער צווייטער נאָך אים וועט אים מער נישט געדענקען.

זיי מוחל מיין יאוש, אָן אבל בין איך,
כ'זאָג קדיש, ווי ס'פּירט זיך, און זאָג אויך נאָך אָמן,
און דאָס דאָזיקע ליד — זאָל עס זיין אַ יאָרצייט-ליכט
צו באַלייכטן אויף ווייטער אין מיר דיין נאָמען.

1948